STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01498

# FUNKEN IN ASH

## Nahman Rapp

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Berta Lewin*
*in memory of*
*her parents, Gitel & Mendel Rabinoff, appreciative Americans*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# נחמן ראפפ

# בערגען אין אש

פארלאג נידערשלעזיע - ווראצלאוו 1947

# כ׳וועל קומען אהיים

כ׳וועל קומען אהיים צו מיין טיר און מיין טויער,
אויב איך וועל זיי אויפן אָרט נאָך געפינען,
כ׳וועל טרעפן מיין מאַמען דער אַלטיטשקער, גרויער,
אויב זי איז דעם פיינט פון די נעגל אַנטרונען.
מיט ציטער אַ קלאַפּ וועל איך געבן אין פענצטער,
מיט הייליקייט וועל איך אַרויסשעפּטשען: מאַמע,
אָט בין איך דיין זון דאָ, דער יינגסטער, דער קלענסטער,
וועמען דו רעכנסט פאַר טויט שוין מסתמא.
אָט בין איך געקומען אויף פליגל צעפליען
פון ווייטע מקומות, פון זוניקע ערטער,
פון דאָרט ווו אין ניסן די ביימער צעבליען
און יעטוועדעס גרעזל אויף וואַקסן באַשערט איז;
ווו איטלעכער מענטש ווי אַ וויינשטאָק פאַרפלאַנצט איז
צווישן זיינס גלייכן — אַ וויכטיקער קערן,
ווו יעטוועדער טאָג איז יאָרהונדערטער גאַנצע,
און יעדע מינוט איז אַ ליכטיקער שטערן.
פון דאָרט בין איך איצטער צו דיר דאָ געקומען,
אַ קוש טאָן דיין האַנט און דיין שטערן דעם אַלטן;
אויפסניי צו פאַרזייען אין גאָרטן די בלומען,
ווו איך פלעג אין אָסיען מיין טרויער באַהאַלטן.

סאַמאַרקאַנד 1945

# מײַן צוריקקער

מיט שטורם קום איך אָן, מיט דונער אינם האַרצן,
אַ קאַמפּס־פּרײַנט װער איך איצט צום װאָלקנשן צעגאַטאַוועֶר,
עס איז דער שאַרפער בליץ צו מײַן געמיט אַ חבר
און ס'שיקט אַ גרוס צו מיר דעם הימלס װאָלקן שוואַרצער.

כ'וועל אויסשטרעקן די הענט ווי שפּיזן גלאַנציק שאַרפע
און דורכשנײַדן מײַן וועג אין כמאַריקן געוויטער.
עס וועט מײַן הייסע בענקשאַפט זײַן פאַר מיר אַ היטער,
ווען אָפּלעשן מײַן אַלטן שוועל איך וועל נאָך דאַרפן —

פון שרפה פון דער וועלט, וואָס האָט אויף אים געגידערט,
דורך פײַנט פאַרשאָלטענעם, וואָס האָט אים אָנגעצונדן.
מיט שאַרפקייט פון מײַן האַס כ'וועל ברעכן זײַנע גלידער
און אין זײַן טונקל בלוט כ'וועל היילן מײַנע וווּנדן.

עס יאָגט נישט איצט אַהיים קיין שוואַכער, קראַנקער דיכטער,
און נישט קיין צוג פליט־אָן און שנײַדט אַדורך דעם אוויר
עס יאָגט אַהיים צו זיך אַ קאַלטער, שטרענגער ריכטער,
וואָס פול מיט שטורם איז ווי וואָלקנשער צעגטאַוועָ".

סאַמאַרקאַנד 1946

# עס ברענען די שנייאיקע בערג.

עס ברענען די שנייאיקע בערג ביי די גילדערנע ראַנדן,
אַ יעדערער באַרג טראָגט אַ ליכטיקן הויט אין שטראַלן פֿאַרוואַנדלט,
היינט איז דער טאָג שוין דער לעצטער, וואָס איך בין אין פֿרעמד און אין וואַנדער.

שפּעטער אַ טאָג, ווען מיין פֿוס וועט מיין היימלאַנד באַטרעטן,
וועל איך אויסשטרעקן מיינע הענט די פֿאַרבענקטע, אַזוי ווי אין תּפֿילה-געבעטן,
און זוכן אין לופֿט יענעם קאָפּ, וואָס איך פֿלעג מיט צערטלעכקייט גלעטן...

יענע גילדערנע לאָקן, ווי צעכוואַליעטע זוניקע פֿלאַמען,
און אויגן ווי הימל-בלאָ, צערטלעך און ווייך ווי אַ מאַמע,
וואָס פֿלעגן שטיל זיך פֿאַרשליסן ווען מיר זענען געווען צוזאַמען...

מיט ווי איך שטרעק אויס מיינע הענט, נאָר כ׳קען קיינעם געפֿינען,
דער טויט האָט מיט ביינערנע פֿינגער דעם שלייף אויף איר גאָרגל פֿאַרשפּונען,
און איר ליכטיקן אָנדענק אויף אייביק פֿאַרטרונקען אין ברונעם.

גיי איך אום ווי אַן איינזאַמער וואָלף, מיט אויגן פֿאַרגלייזט אין שגעון,
דער ווייטיק פֿאַרשטיקט מיר אין האַלדז, ווי דעם וואָלף וואָס איז/מיד שוין פֿון וואָיען,
און כ׳פֿיל ווי מיין קאָפּ נאָך דער יונגער פֿאַרשיט זיך אין טרויער אין גרויען.

סאַמאַרקאַנד 1945

# אַליין...

און נאָכגיין נאָך מיר וועט אויף שטענדיק
די בענקשאַפט די הייסע צו היים,
נאָר קיינמאָל איך וועל שוין נישט זען די
און עלנט כ׳וועל בלייבן אַליין.

דער זשראַבנער, דער עסיקער רעגן —
אַ פריינט צו מיין שטילן געוויין,
אויף פרעמדע, עלנטע וועגן —
אַן עלנטער בלייב איך אַליין.

ווו וועל איך מיין טרויער פאַרוויגן,
ביי וועלכן ביימעגיקן שטיין?
ווער וואַרט אויף מיין האַרץ און מיין ניגון —
אַך, אפשר מיין ווייטיק אַליין?

אַ בעטלער אויף הפקרע שטיגן
אַ מידער פון ענדלאָזן גיין —
ווי וועל איך אַ היים פאַר מיר קריגן,
ווען הפקר פאַר וועלט כ׳בין אַליין?...

# עלנט

אין יעדער שטאָט, ווו כ'זאָל נישט קומען,
אין יעדער גאַס, ווו כ'זאָל נישט גיין —
מיין איך, כ'האָב געדאַרפט דאָ קומען,
מיין איך, אַז דאָ איז מיין היים.

אַלצאיינס זענען אַלע שטעט מיר,
אַלצאיינס איז מיר יעדעס הויז.
טרעט מיין עלנט און צעטרעט מיך,
און טרעט קיין סטעזשקע זיך נישט אויס —

צום אַלטן אויסגעקרימטן דעכל,
גרין-באַוואָקסענעם מיט מאָך.
ס'ליגט מיין ווי דאָרט אַ פאַרשווועכטער
אונטער קופּעס ציגל-בראָך.

איך האָב שוין ס'יי-ווי נישט צו וועמען
אַפילו אָנשרייבן אַ בריוו:
פאַרלאָשן זענען אַלע נעמען,
ווי אין אַ זינקענדיקער שיף.

דעריבער גליין איז יעדע. שטאָט מיר
און יעדע גאַס, ווו כ'זאָל נישט גיין,
ווי אַ וואָלף פון וואַלד. פאַריאָגטער,
כ'בלאָנדזשע אום איצט אָן אַ היים.

# פאַראַן אַ שעה

פאַראַן אַ שעה ווען יעדן מיינעם אבר
פאַרשעלט איך מיט פאַרקריצטע ציין — —
ווי איז מיר, וואָס כ׳האָב געלאָזט צום קבר
גיין דיך אַ צעשראָקענע אַליין.

אַזויפיל שרעק און פיינען איינגעזויגן
און איך האָב נישט געטיילט מיט דיר דיין ווי,
אַמאָל האָב איך געקוקט דאָך דיינע אויגן,
געטרונקען ווי פאַרכאַלעשט זייער בלוי.

איך ווייס, עס וואָלט נישט לייכטער דאַן געווען דיר,
דיין לעצטן וועג באַגלייטן זאָל מיין גאַנג,
ווייל אין גרויליקער סכנה דאַן דערזען מיך,
עס וואָלט נאָך אומגליק מיינס געטאָן דיר באַנג.

נאָר איך בין אַ פאַרשאָלטענער פון יענעם טאָג אָן,
אין אַנגסט איך פיבער און געפין זיך נישט קיין רו,
ווייל ווען עס ענדיקט זיך די נאַכט און ס׳שפּראָצט אַ שטראַל אויף טאָגן,
איך וואַרט אויף זון — און אין גרוב ביסטו.

דעריבער טרעפט אַ שעה ווען יעדן מיינעם אבר
פאַרשעלט איך מיט פאַרקריצטע ציין —
ווי איז מיר, וואָס כ׳האָב געלאָזט צום קבר
גיין דיך אַ צעשראָקענע אַליין.

# צו פוילן

כ׳האָב מיין לעבן דיר פאַרמשכנט,
כ׳האָב מיין האַרץ דיר אָפּגעגעבן,
כ׳האָב גענומען אויף מיין אַקסל,
די אחריות פאַר דיין לעבן.
כ׳האָב מיט בלעטלעך אויפן מויער,
רויטע פאָנען אויף די דראָטן,
אָנצינדן געוואָלט דיין גראָקייט,
פרייהייט-ברויט פאַר דיר געקנאָטן.
פוילן, פוילן, האָסט דיין יום-טוב
אַרויסגעריסן פון די פלאַמען,
נאָר איך אין קריעה רייס מיין אָנטאָן
און באַוויין אין גרוב מיין מאַמען...

ס׳בליען פריילינגדיק די פעלדער
פון דיין פרייהייטס-טאָג די עדות,
און ס׳דערציילן דיינע וועלדער
פון דיין גבורה העלע סודות,
פון דיין זון וואָס גייט אויף ליכטיק
אין געלייטערטע מעת-לעתן
און באַפעלן דיר צו ריכטיק
איז דעם פיין פון האַרץ פאַרגעסן.
נאָר אין קברים טויזנט-קעפּיק
ליגט באַגראָבן דאָ מיין מאַמע,
און עס איז דער בוים נאָך קלעפּיק
פון איר בלוט אויף זיינע שטאַמען.

ס׳וועט די זון ווי אין בראשית
טובלען זיך אין טייך אין קלאָרן,
ס׳וועלן דיינע שטעט זיין רויטיק
ווי אין אַלטע גוטע יאָרן,

וועסט נאָך זוכה זיין דיין שפּע
זאָל אויך זיין אין קעלער־שטיבער
און צעבליען וועלן בלומען
אויף די טיפע רויטע גריבער —
נאָר איך איינער קום איצט ווידער
מיט מיין וויי און פּיין געאָרעמט,
צום באַוויינען מיינע ברידער
די וואָס רופן פון די קבֿרים...

# די געפאלענע אין קעלץ

נאָך זיינען די קברים מיט גראָז נישט באַוואַקסן,
דער טראָט פון די מאַמעס נאָך האָט זיך פאַרהיט דאָ
אויף שטויב פון די וועגן. און ס'איז פון די קינדער
אַ צייכן געבליבן דאָס בלוט דאָס צעזידטע.
פון קברים זיי שטרעקן די ביינקע פינגער,
אַז קיינער דעם ווי זאָל נישט מאַכן זיך גרינגער,
אַז איטלעכער שאַרבן אין גריבער פאַרשאָטן
זאָל זיין ווי אַ ביין אין געוויסן דער וועלט'ס!
און ווידער די ערד האָט געטאָן זיך אַן עפן,
פון היימישע בלוטיקע מערדער צערעכנט
פאַר פערציק קדושים געפאַלן אין קעלץ!
עס זיינען פאַר זיי שוין נישטא מער קיין טרערן,
עס האָט שוין דער ווייטיק פאַרשטיקט דאָס געוויין,
איצט מוז אונזער שטים, אונזער דראָונג דערהערן,
די מענטשלעכע חיה מיט וועלפישע ציין;
עס וועט אונזער בלוט אויף די גאַסן פאַרפלייצטע
צו נקמה אַ רוף טאָן אויף אייערע קעפ
ביז איר וועט קומען און טרינקען צערייצטע,
דעם אייגענעם טויט פון די סמיקע טעפ...
ס'וועט קומען אַ טאָג נאָך און איר וועט אים ברענגען,
פון אייך וועט נאָר בלייבן דער רויך פון די פלאַמען,
אַ שלייער פון שאַנד וועט אייך אַלע פאַרהענגען,
די ביזע און שלעכטע אין חרפה צוזאַמען.
און דאַן וועלן אונזערע נייע קדושים
מיט ביינקע הענט אויף געוויסן דער וועלט'ס,
די שאַנד אייך פאַרשרייבן מיט בלוטיקע אותיות
פאַר פערציק קדושים געפאַלן אין קעלץ!

1946

# און ווידער דער הימל איז בלא

און ווידער דער הימל ווי פריער איז בלאָ,
און ווידער איז קלאר אינעם טייכל דער דנאָ,
און ווידער אין גאָרטן די בלומען צעבליט,
און ווידער אין קרומפלי די שוואַלב דאָ עס פליט.

נאר אין שפיגל געפין איך שוין זילבערנע האָר,
און ס'פייניקט מיין טרוים מיך און ס'פייניקט די וואָר,
אַז אונטערן הימל וואָס ווידער איז בלאָ,
עס זיינען אין נעכט מער קיין שטערן נישטאָ...

צי קען דען אַ בעטלער אַ פראַל טאָן אַ ליד,
אַז אויפשוימען זאָל ווי דער שטורעם אַ טאַנץ?
איך שטיי ווי אַ בעטלער אין דרייצן געקניט
און בין אויף געשטאָרבענע שטערן אַ קראַנץ.

נאָר בייטאָג איז דער הימל ווי אַלעמאָל בלאָ,
און קלאָר רוט דער טייך אויפן לויטערן דנאָ.
פאַרשריי איך מיין חלום, פאַרשריי איך מיין וואָר,
און באַהאַלט פאַרן שפיגל מיין זילבערנע האָר...

# אויסגעשטרעקטע הענט

פֿאַראַנען הענט וואָס וויינען שטום אַראָפּ אין שויס,
ווי בלעטער האַרבסטיקע אויף גאָרטן־באַנק געפֿאַלן.
און הענט צעבליטע ווי אַ יונג־צעבליטע זוגעוויז,
און לאַכן ווי עס לאַכן צעפֿינקלט־העלע זונענשטראַלן.

פֿאַר הענט אַזעלכע איז דער וועג שוין אָנגעגרייט,
און ס׳קען זיי שוין דאָס לעבן קיין איבעראַשונג ברענגען,
זיי וועלן שטענדיק וויינען אָן אַ טראָפּן פֿרייד,
און וועלן לאַכן ביז דער טויט וועט זיי פֿאַרהענגען.

פֿאַראַנען אָבער הענט וואָס ציען זיך ווי שטראַלן,
אין בענקשאַפֿט אייביקער זיי ציען זיך אין לופֿט,
און קאָרטשען זיך אין ווייטיק, ווי אַ חיה ווען זי גייט באַפֿאַלן,
און שרייען שטום ווי פֿלאַמען אַ הייסן בענקשאַפֿט־רוף.

אָט דאַכט זיך זיי אין קילן בין־השמשות,
אַן אויסגעבענקטער פֿריינט צו זייער גאַר געגעבנט.
אַ קליינע ווייל — און באַלד זיי ווערן אויסגעלאָשן,
און בלייבן אינדערלופֿטן—אויסגעשטרעקטע הענט!

זיי דריקן שטענדיק לופֿט אנשטאט אַ פֿריינטס אַ האַנט,
זיי שיקן זייער הייסן גרוס צו דעם וואָס איז זיי פֿרעמד.
און ס׳דאַכט זיך זיי און ס׳דאַכט זיך זיי, זיי וועלן זיין באַנאַנד,
נאָר אינדערווירקלעכקייט זיי בלייבן — אויסגעשטרעקטע הענט...

# אַ קאַמפּף־ליד וועגן דער רויטער פאַן

אָט דאָס איז דאָס ליד און דאָס איז די פאָן,
וואָס פירט מיט מיין לעבן פון יוגנטווייז אָן.

וואָס צינדט מיך מיין בלוט אָן, וואָס רופט מיך אין שלאַכט,
וואָס טוט מיר באַלויכטן די פינצטערע נאַכט.

מיט אים פלעג איך מאָנען ביי פּריצים מיין ברויט,
מיט אים פלעג איך קעמפן אויף לעבן און טויט.

מיט אים בין איך דורך דורכן קריג צו מיין זיג,
מיט אים כ'האָב דעם שונא צעשלאָגן אין קריג.

און ווען כ'גיב אַ טראַכט, איך גיב אַ דערמאָן,
דערזע איך מיין לעבן — אַ בלוט־רויטע פאָן:

דער שפּיק איז אַ ווייסער, אַ פאָן ביי מיר רויט,
רעוואָלווערשע קויל וויל מיר געבן דעם טויט.

דערנאָך דעמאָנסטראַציעס די גאַסן צעברויזט,
און בלעטלעך אין לופט און אויף איטלעכן הויז.

געמאָנט האָב איך פרייהייט, געמאָנט האָב איך ברויט
אין האַרצן אַ פלאַם און מיין פאָן בלוטיק־רויט.

אַוועק זענען פּריצים — אַ וויסטער זאַווי,
עס האָט זיי צעשויבערט די פרייהייטס־אַרמיי.

פון דעמלט מיין פאָן כ'האַלט נאָך פעסטער אין האַנט
און כ'אַן פון מיין קראַפט ווי כ'האָב קיינמאָל געאַנט.

כ'בין דורך מיט איר בודאַפּעשט, וואַרשע און ווין,
און האָב זי פאַרצויגן מיט שטאָלץ אין בערלין.

אָט דאָס איז דאָס ליד, אָט דאָס איז די פאָן,
וואָס פירט מיט מיין לעבן פון יוגנטווייז אָן.

# טאַדזשיקיסטאַן

אַבדולקאַסים לאַכוטי און באַנו —

אַ כ ת נ ה.

ווען כ'וואָלט אַ פינקלדיקער שטערן
אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד,
און כ'וואָלט זיין ליכט אַזוי געווען
ווי אויפן הימל ער געווען —
וואָלט איך געהאַט מיט וואָס פאַרגלייכן
וואָלט איך באַצייכענען געקענט
דאָס לאַנד אין העלער זון באַלויכטן,
און וואָס צום הימל איז געווענדט
מיט זיינע הויכע בערגער-שפּיצן
פריש ווי טויאיקער קאַיאַר.
און ווי אַ חלום אויף דער וואָר
שיקט צום הימל זיינע בליצן
דער סילסעלאיי-קוהי-גיסאָר. *)
זיין שטאָלצע קרוין מיט שניי באַדעקט איז,
און טונקל-גראַנאַט איז זיין קאַרק,
און אין די זייטן ער באַפלעקט איז
מיט רויטן מאַרמאָר פעלזיק-שטאַרק.
און ווען די זון, אַן אָנגעגליטע,
באַגיסט זיין קאָפּ מיט הייסן שיין,
דאַן רינען קוואַלן, זילבער-שטיקער,
און פליסן אינעם טייך אַריין,
וואָס שוימט מיט זיינע גראָע כוואַליעס
און וואַשט דעם שטיינבערג מיט זיין רעש
און דעמלט ווי אַ ווילדע סטיישע
צעלאָזט זיך הפקרדיק דער וואַכש.**)
אָ צו איז נאָך דען וווּ פאַראַנען
אַ שענער לאַנד? צו איז פאַראַן,
אַזעלכע דורכגעזונטע לאַנען
ווי זוניקער טאַדזשיקיסטאַן?

*) באַרג-שפּיץ אין טאַדזשיקיסטאַן
**) טייך אין טאַדזשיקיסטאַן

# קאַזאַכישער סטעפּ

עלנטער סטעפּ קאַזאַכסטאַנער,
רחבות באַוואָקסן מיט מאָך.
ערגעץ אויף מיילן פונדאַנען,
אַן אַקער־אָקס שפּאַנט אין זיין יאָך.

אַ יונגינקע שוואַרצע קאַזאַכקע,
איר בליק צו דעם הימל פאַרהויבט.
די אויגן די שוואַרצע פאַרמאַכט זי,
פון דורכזיכטיק־ליכטיקן שטויב,

וואָס ציט ווי אַ וואָלקן צום הימל
פון אונטער דער טשערעדעס פיס;
מיט אויגן פאַרמאַכט, ווי אין דרימל,
זי חלומט אַ טרוים אַזוי זיס.

פון היימישן סטעפּ קאַזאַכסטאַנער,
פון אַאול, וואָס קניט ביי זיין ברעג,
פון ברייטע און מאָכיקע לאַנען,
פון שמאָלן און זאַמדיקן וועג.

און קוקסט אויפן סטעפּ אויפן ברייטן,
און קוקסטו אויף ליכטיקער ווייט, —
זעסטו די מיילן צעשפּרייטע,
אויף וויפל דיין בליק נאָר דערגייט:

עלנטן סטעפּ קאַזאַכסטאַנער,
קיביטקעס געקלעפּטע פון ליים;
מיט זאַמדיקע סטעזשקעס פונדאַנען,
אַ טשערעדע וויגט זיך אַ היים.

# דאָס מיידל פֿון סאַמאַרקאַנד

איך האָב געשוויגן און זי האָט גערעדט
און רעדנדיק האָט זי דאָס טיכל געגלעט,
זי ווייסט נישט וואָס מיט דעם טיכל צו טאָן,
צי לאָזן עס ליגן, צי מאַכן אַ פֿאָן...?

נאָר פּלוצלונג עס האָט זיך צעפֿינקלט איר בליק:
אויף דעם זעגען טרויבן און דינעס געמאָלט,
ס'איז טוך איז פֿון זייד און די ברעגעס פֿון גאָלד,
איז גענומען עס, דאָס איז אַ סימן פֿון גליק.

אינדרויסן האָט שטיל זיך געטונקען די נאַכט,
אין טונקל עס האָבן געגלאַנצט אירע ציין,
זי האָט גערעדט און איך האָב געטראַכט:
ווי ליטער דאַרף זיין איר מיידלש געוויין...

זי האָט זיך געשטעלט און ביים פֿענצטער געשטעלט
און איך האָב געפֿילט ווי עס ציטערט איר האַנט,
ביים שיין פֿון די שטערן איר בליק האָט געהעלט,
אויף איר אָרעם האָט געפֿינקלט איר יידענער באַנד...

# אַ, ווייסינקע בעריאָזקע

אָ, ווייסינקע בעריאָזקעלע, מיט זילבער־שניי באַשיטע,
וואָס שטייסט אַזוי פאַרחלומט אין דעם פראָסטיקן געוויטער?

צום בלויען קאַלטן הימל אויפגעהויבן שטאָלץ דיין קרוין איז,
צי ווייסטו כאָטש בעריאָזקעלע, ווי אומעטיק דיין היים איז?

אַ קאַלטער, וויסטער ווינט פליט אָן און פאַטשט אין דיינע צווייגן,
בלייבסטו אַ צעשויבערטע, פאַרהילט אין טיפן שווייגן.

קניטשט זיך איין דיין ווייסע הויט ווי ס'פּנים פון אַ זקנה,
בלייבסטו אויפן פעלד דעם וויסטן איינזאַם און אליין דאָ.

די זון וואַרפט אויך דיין הוילן גוף אַ קאַלטן גלייוער־שיין,
און די ווינטן יאָגט אַ פראָסט אין האַרצן דיר אַריין.

נאָר מיר ביסטו דאָ נאָענט אַזוי, מיט קאַלטן טרויער,
נאָר מיר ביסטו אַ העלע שעה אין טאָג מיינעם דעם גרויען.

דיין ווייסער שטאַם דערמאָנט מיר תמיד אָן מיין היים דער ליבער,
וווּ ס'זענען מיינע יונגע טעג פאַרשניטענע געבליבן.

און די ווינטע וואָס יאָגט אָן אַ פראָסט אין האַרץ אין דיינעם,
יאָגט אַ בענקשאַפט און אַ טרויער אויך אין האַרץ אין מיינעם.

גאָוואָסיבירסק 1942

# מאקסים גארקי

(„קינדהייט")

1

## אָנהייב לעבן

איך מאַך די אויגן אויף, איך זע די ברייטע ווייטן,
דער טאָג איז אַזוי זוניק, אַזוי שיין צעהעלט.
ווי גוט איז אויף אַ שטעקן־פערד אַזוי אַרומצורייטן,
אויפן פרייען רחבותדיקן דורכגעזוונטן פעלד.

אין שטוב איז קיל און טונקל ווי אין קלויסטער נאָך אַ תפילה,
און ווי אַ אויג אַ קראַנקע, אַ הייליקע איקאָנע ברענט,
די שאָטנס טאַנצן אויף די ווענט, ווי אַ בעטלער אויף אַ קוליע,
אין ווינקל זיצט די באָבע מיט צונויפגעלייגטע הענט.

און אין האַרצן נאָגט, עס ווילט זיך עפּעס זאָגן,
דער גוטער פרומער באָבען און העל־צעגרינטן פעלד;
נאָר כ'פיל, איך טראָג אַ וואָרט און וועל אים נישט דערטראָגן,
נישט צו דער קילער שטוב, נישט צו דער יונגער וועלט.

בלייב איך אויפן שוועל מיטן שטעקן־פערד אַ שטומער,
די גרויסע פרייד פון טאָג—צי וועל איך וועמען זי האָבן?
צי וועט די זון אַ מאָל אויך דאָ אין שטיבל קומען? —
מיט שמילן צאַרטן קול עס רופט מיך צו די באָבע.

די הענט אירע מיך גלעטן ווי צאַרטע אינדערפריען,
נאָר אין די כמאַמע אויגן אירע צייטיקט שוין די נאַכט.
זי לייגט מיין יונגן קאָפּ אויף אירע אַלטע קניען:
„היי, קליינער אַלעקסיי, וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט?"

# קעלער שטובן

2

אויבן אויפֿן אויוון ציט זיך אויס די פוילע קאַץ,
דער טאַטע ליגט אַ שכורער און קרעכצט אויף זיין געלעגער.
די לבנה קוקט אין פענצטער ווי אַן אויסגעווייסטע טאַץ,
און וועבט אויף קעלערישע ווענט אויס זילבערנע געוועבן.

קומט דער אומעט אָן צו רייטן אויף אַ שוואַרצער פלעדערמויז,
און נאָגט אַזוי ביים האַרצן ווי אַ ריעגנדיקער אָסיען,
איז אפשר גאָר אַ הויב טאָן זיך פון בעט און שטיל אַרויס
צום שכן פון דער צווייטער זייט, צום פריילעכן סטריאָזשקען?

אין שטיבל ברענט אַ קאַניצל, סטריאָזשקע ליגט אַליין
אויפן אויסגעבעטן קופערט און שפּילט זיך מיט מיט אַ שאַכטל.
אַ סקריפּ פון טיר און עס לאַכן זיינע קרומע ציין:
אַליאָשע? קום! וואָס ביסט עפּעס אַזאַ פאַרטראַכטער?

סטריאָזשקע איז אַ גיריקער, נישט ערלעכער אין שפּיל,
קוויטשעט אויף זיין ביי-קול, אַזש ס'פאַרגייט ביים האַרצן,
טאָ נעם אויך מיינע זשוקעלעך, אַבי נאָר שווייג שוין שטיל,
אָט נאַ דיר דאָ דאָס שאַכטעלע און נעם זיי דיר איינגאַנצן.

דער אומעט וואַרט שוין אויפן שוועל און קריכט אין האַרץ אַריין,
צאַנקט די קינדערישע פרייד, זי צאַנקט און ווערט דערוואָרגן.
אָ, ווען כ'זאָל קאָנען אויפזאַמלען פון פעלד דעם זונענשיין,
אין גרויען קעלער ברענגען אים און באַהאַלטן אים אויף מאָרגן!

## די זון גייט אויף

3

פֿאַמעלעך גליטשט דער דאַמפּער זיך אויף שוימענדיקער כוואַליע,
ווי גלאַטער קלאָרער שפּיגל בלויט דער זילבער־טייך אַרום.
און אויבן איבער קאָפּ גייט אויף אַ פֿייערדיקער באַלעם,
אַ מונטערע, אַ לויטערע גייט אויף די יונגע זון.

די מאַמע דרימלט לייכט, דעם מידן קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
איר חלומט זיך אַוואַדע איצט די קאַלטע קעלער־ווענט.
דער טאַטע ברעכט די פֿינגער אויס מיט צוגעמאַכטע אויגן,
די באָבע שפּינט אַ מעשהלע מיט ביינערדיקע הענט:

„...ווען אויפֿגעגאַנגען אָוונט־צייט איז נאָר דער ערשטער שטערן,
אַ מידער האָט ער אָנגעקלאַפּט שטיל אין גלח׳ס טיר:
פֿאָטערל, דערבאַרעם זיך, עס פֿעלן מיר שוין טרערן,
פֿאַרגיב מיין זינד, אָ פֿאָטערל, אַ טרייסט געפֿין פֿאַר מיר״.

אויף דאַמפּער־דעק צעלויכטענעם עס בלאָנדזשעט אום דער שאָטן—
דער באָבעס זינדיקער, וואָס האָט דערוואָרגן זיין געליבטע...
און טיף אין האַרץ אַן אומרו נאָגט, צי וועט דאָס מיר געראָטן,
מיטנעמען די זון מיט זיך אין שטיבעלע באַטריבטער?

נאָר פּלוצלונג בליצט אַ פֿרייד מיר אויף: ס׳וועט זיין אַ היים אַ נייע,
אַ ליכטיקע, אַ לויטערע, אויף ברייטע פֿרייע וועגן.
איך לייג מיין יונגן קאָפּ אויף באָבעס קני געטרייע,
מיר פֿאָרן! און די זון גייט אויף אַלץ העכער אונדז אנטקעגן.

# און אפשר איז נאָך נישט פאַרלוירן

און אפשר איז נאָך נישט פאַרלוירן,
און אפשר איז נאָך נישט פאַרוויסט,
דאָס ליד וואָס דו האָסט עס געבוירן,
דעם זאָמען וואָס דו האָסט פאַרזייט,

אין האַרץ מיינס אין ליכטיקן זומער,
ווען גרין ס'איז באַבלעטערט דער בוים,
און דו ביסט אין ווייסן געקומען,
פאַרקעמט מיט אַ גאָלדענער קרוין.

און איך האָב מיינע אָרעמס צעפלאַמט,
געעפנט פאַר דיר ווי אַ טיר,
און דיך ווי אַ גאַסט אַ דערוואַרטן
פאַרשלאָסן אין אָרעם ביי מיר.

ס'איז האַרבסט איצט, עס פאַלן די בלעטער —
אַקאָרדן פון לעצטער מוזיק...
און דו גייסט אַוועק...כאָטש כ'בעט דיך,
עס שטאַרבט אויף דיין האַנט דאָך מיין גליק.

נאָר ס'טרעפט און דאָס האַרץ טוט אַ צאַפּל,
מיט אַנונג פון געוועזענער פרייד,
הער איך דיין זיסן געפלאַפּל,
זע איך דיין ליכטיקע קלייד.

איז אפשר נישט אַלץ נאָך פאַרלאָרן,
איז אפשר נישט אַלץ נאָך פאַרוויסט,
דאָס ליד וואָס דו האָסט עס געבאָרן,
דעם זאָמען וואָס דו האָסט פאַרזייט...

# ווען דיר...

אַמאָל בין איך דער ווינט, וואָס שויבערט דיינע האָר,
אַמאָל אַ זונענשטראַל וואָס צערטלט שטיל אַ בלום.
נאָר שטענדיק קרעכצט מיין טרוים אין נעגל פון מיין וואָר,
און שטענדיק בלייבט מיין רוף אין הייסן גליווער שטום.

נאָר דו דאַרפסט זיך נישט שרעקן ווען איך קום צו דיר,
ווייל דעמאָלט בין איך נאָר אַ קליינער טראָפּן רוי.
איך האָב געלאָזט מיין ווייטיק אונטער דיינער טיר,
און כ'בין שוין אַזוי גוט און אַזוי שלעכט ווי דו.

נאָר אין מיין ענגן חדר אין שעה פון מיטנאַכט,
דו בייסט זיך אין מיין האַרץ מיט לאַכנדיקע ציין,
ווערסטו מיר פרום אי הפקרדיק ווי אַ מוטערטראַכט,
און מיינע הייסע הענט פאַרגייען אין געוויין.

צערטל איך מיין טרויער ביים קליינעם שוואַרצן שויב,
און ווי פאַרסמטער טוי צעטריפט זיך מיין געוויין,
די נאַכט — אַ שוואַרצער גרוב די טרערן מיינע קלויבט,
און יאָמערט אויס אַ ליד: אַליינער ווי אַליין...

# טויזנט וועגן...

טויזנט וועגן האָט די זון,
אויפצוגיין און צו פאַרגיין.
טויזנט וועגן האָט די זון
אויפצוגיין און צו פאַרגיין,
נאָר זי גייט אויף און פאַרגייט
דאָרט, ווו ס׳איז דער הימל ברייט,
דאָרט, ווו ס׳איז דער הימל ריין,
וועט זי אויפגיין און ־פאַרגיין.

טויזנט מיילער האָט דאָס פעלד
אויסצוזינגען זיין געזאַנג.
טויזנט מיילער האָט דאָס פעלד
אויסצוזינגען זיין געזאַנג,
נאָר דורך בלומען פריש און העל,
זינגט געזאַנג זיינעם דאָס פעלד,
און דורך שטאָלצן פעטן זאַנג
זינגט דאָס פעלד אויס זיין געזאַנג.

טויזנט טענער האָט מיין האַרץ
אויסזינגען אַ ליד פאַר דיר.
טויזנט טענער האָט מיין האַרץ,
אויסזינגען אַ ליד פאַר דיר,
נאָר אַמשענסטן זינגט זי דאַן,
ווען ביסט נעבן מיר פאַראַן,
און איך פיל דיין ליכט וויבריר,
און דיין צאַרטע האַנט כ׳באַריר...

# באנעט

ווען כ׳קאָן געפֿינען כאָטש אַ קליין טראָפּעלע פֿון ליכט,
פֿון דער זון ווען זי גייט אויף ווי אַ צעבליטע רויז,
וואָלט איך עס ווי אַ קינד פֿון אַ פֿלאַמענדיקע הויז
אָפּגעראַטעוועט פֿאַר מיין אומעטיקן געדיכט.

וואָלט געווײן מיינער פֿאַרקליידט זיך אין אַ העל געזאַנג,
געלויכטן ס׳וואָלט מיין ליד ווי אַ פֿינקלדיקע טרער,
און ס׳וואָלט מיר נישט געווען שוין אַזוי שמערצלעך שווער,
אין טרויער מיינס באַזינגען מיין שטילן אונטערגאַנג...

שטיל עס קלאָגט מיין איינזאַמקייט אויף יעדער גאָרטן-באַנק
און מיינע יונגע טעג האָבן שוין לאַנג פֿאַרגעסן,
דאָס אויסגעלאָשן ליכט פֿון פֿריידיקע מעת-לעתן.

אַ טראָפּן ליכט פֿאַרשלאָסן כ׳וואָלט אויף זיבן שלעסער
ביי מיר אין האַרץ, ווו ס׳האָט דראָענדיק געקניט די נאַכט,
און ס׳וואָלט דאָס לעצטע הייפּטל פֿרייד ציטערדיק באַוואַכט...

# זי וועט היינט נישט קומען

לויס האַלקינגען

זי וועט היינט נישט קומען,
ז׳איז נישטאָ דאָ הי,
קויף איך נישט קיין בלומען,
זינג איך נישט אין פרי,
נאָר דעם סוד דעם גרעסטן
דערוווּסט האָב איך זיך היינט,
בייטאָג ז׳איז מיר אַשוועסטער
ביינאַכט איז זי אַ פריינט...

ס׳ווערט דער בלוי פון הימל,
מיט וואָלקן-טוך פאַרצויגן,
מאַך איך צו אין דרימל
מידע מיינע אויגן,
נאָר אירע אויגן שענסטע,
ווי זונליכט פאַר מיר שיינט,
בייטאָג ז׳איז מיר אַ שוועסטער,
ביינאַכט איז זי אַ פריינט...

צוריק זי וועט דאָך קומען,
זען וועל איך איר גאַנג,
וועל איך ווידער קויפן בלומען
און בליען וועט געזאַנג,
נאָר דעם סוד פאַרגעס איך,
וואָס כ׳האָב דערוווּסט זיך היינט,
אַז ז׳איז מיר נאָר אַ שוועסטער,
און קיינמאָל נישט קיין פריינט...

# אַ קינד האָט אַ טאַטן

אַ קינד האָט אַ טאַטן, אַ קינד האָט אַ מאַמען,
אַ קינד האָט אַ וויג, וואָס פֿאַרוויגט אים אין שלאָף,
נאָר איך האָב קיין טאַטן, נאָר איך האָב קיין מאַמען,
און כ'בין אָן אַ היים, ווי אַן עלנטע שאָף,
מיין עלנט באַהאַלט איך אין שויס פֿונעם ווינט,
איז ווער קאָן איצט זאָגן, אַז איך בין אַ קינד?

דער פֿרילינג איז דאָ, עס בליִען די ביימער,
אַ יעדערער בוים טראָגט אַ ליכטיקע קרוין,
נאָר איך גיי אַרום אַ פֿאַרטריקנטער ביימל,
פֿון אַלע פֿאַרגעסענער עלנטער שטיין,
איז ווער קאָן אָנגיין, וואָס איך בין אַליין,
און וועמען קאָן ווײ טון מיין הייסער געוויין?...

נאָר טיף אין מיין האַרצן בליט דער באַוווסטזיין,
פֿון קינדפֿטיקער פֿרייד, וואָס וועט קומען צו מיר,
פֿאַרשטיי איך אַזוי האָט דאַרפֿן געמוזט זיין,
ווי ליכט גייט אַדורך דורך אַ פֿינצטערע טיר,
ווערט דערמאָלט דער ווינט מיר אַ היימיש געצעלט,
און נאָענט ווערט און ליב מיר די גאַנצע וועלט...

# נאַקטורן

אין ווייען פון געבורט, ווי אַ געטרייע טראָגיק ווייב,
וועט קניען באַלד די נאַכט אין איר גרויען הימל־בעט,
און געבוירן וועט אַ טאָג אין פורפור־רויטן בלוט...
נאָר כ'פיל דעם גרויען צער פון דער מאַמעס אַלטער אויג,
דעם ווייטיק פון איר לייב און דעם צאַפּל פון איר האַרץ,
איך פיל איר הייסע טרער ווי גיפט אויף מיין געמיט,
און ס'איז מיר אומעטיק אָ, אומעטיק אַזוי...

# כ׳בין ווײַט פֿון דיר...

כ׳בין ווײַט פֿון דיר אויף טויזנט מײַל,
עס האָט מײַן האַרץ שוין אָפּגעציטערט
פֿונעם לעצטן יאָמער.
זײַ שטיל געמיט
אין בענקשאַפֿטפֿולער ווײַל,
ווען ס׳גליק אויף פּיצלעך ליגט צעשפּליטערט
און דו ביסט נישטאָ מער.

קען זײַן, איך האָב די אויגן דײַנע בלאָע,
פֿאַרביטן אויף די שטערן אין דער פֿרעמד.
נאָר אין לויטערע און הימלאָזע קאַיאָרן,
ווען ס׳איז אין מיר דער ווײַטיק רײַף געוואָרן,
האָב איך מײַן בענקשאַפֿט שטילן נישט געקענט.
און דערמלט אויף פֿאַרגעסן און דערמאָנען,
האָב איך אָנגערופֿן ווײטיקפֿול דײַן נאָמען...

איך בין אַוועק פֿון דיר ווי פֿון אַ שלאַכט אַ זעלנער
און כ׳ווייס אַז נישט געווען איז דאָס גערעכט.
נאָר די נאַכט ווען כ׳האָב צום לעצטן מאָל געזען דיך
און האָב מיט דיר געזעגנט זיך אויף שטענדיק,
פֿאַרגעסן ווערן זאָל פֿון חשבון פֿון די נעכט.

איך האָב מיין פרייד,
ווי אַן אומגליקלעכער שכור פאַרטרונקען אין אַ ברונעם.
איצט האָב איך מיינע אָרעמס אויסגעשפרייט,
אויף קרייץ-וועגן ווו יעדער פאָרט און גייט,
און פרעג זיך נאָך אויף דיר מיט בליקן שטומע.
און ווען דער ווייטיק טיף אין האַרץ פאַרגייט,
לעש איך אים מיט גיפטיקע נגונים...

נאָר ווייט דו ביסט פון מיר אויף טויזנט מייל.
עס האָט מיין האַרץ שוין אָפּגעציטערט
פונם לעצטן יאָמער.
זיי שטיל געמיט
אין בענקשאַפטפולער ווייל,
ווען גליק אויף פיצלעך ליגט צעשפליטערט
און דו ביסט נישטאָ מער...

# באַלאַדע וועגן צוויי הערצער

בייטאָג, ווען די וועלט ליגט אין זונשיין פאַרטרונקען,
און ס'באָדט זיך אין ליכט אויף די פעלדער דער קאָרן,
ליגן קברים פאַרמאַכט, ווי אין סודות פאַרזונקען,
ווי זיי וואָלטן שוין דאָ זיין פון טויזנטער יאָרן.

ליגן קברים פאַרמאַכט אויפן פעלד פון פּאָנאַרע,
צווישן שמירה פון ביימער און וואַלד באַבי־יאַר.
עס טרעפט אויפן הימל אין וועג נאָר אַ כמאַרע,
פאַרגייט פונעם וואַלד און דערגייט צום פּאָנאַר.

נאָר קומט אָן די נאַכט און אין טונקעלן שלייער,
פאַרוועבט זי דעם וואַלד מיט די וועגן צוזאַמען, —
עפנט אויף זיך אַ גרוב ווי אַ פינצטערער טויער,
פון אונטער די ביימערס פאַרוואַקסענע שטאַמען.

פון דאָרט שלייכט אַרויס זיך אַ גוף פון אַ מיידל,
מיט קאָפּ אויף איר האַנט, אויף דער צווייטער דאָס האַרץ אירס,
מיט באָרוועסע טריט, אין פאַרבלוטיקטע קליידער,
זי גייט דורכן וואַלד אויפן וועג צו פּאָנאַר־צו.

זי גייט צום געליבטן פון ווילנע דערזאָגן,
וואָס ז'האָט נישט באַוויזן דערזאָגן ביים לעבן,
און האָט אים אויף האַנט אירס געבראַכט איצט צוטראָגן,
וואָס ז'האָט נישט באַוויזן ביים לעבן אים געבן:

איר האַרץ, וואָס איז ריין ביזן קבר געבליבן,
איר גוף — אַ צעפליקטן און בלוטיקע וווּנדן,
מיט בלוט אויף איר קלייד איז איר אומשולד פאַרשריבן,
ווי פּלאַמיקע אותיות אין חשכות געצונדן.

ביז רגע ביז לעצטער ביים אָפענעם קבר
זי האָט נישט געבראָכן איר שטאָלץ און איר ווילן,
איצט טראָגט זי די ריינקייט פון יעטוועדן אבר,
נאָר אייניציק פאַר אים, איר געליבטן פון ווילנע.

אויף פעלדער צו קיעוו דורך פינצטערע וועגן,
צו קברים פאַרוויטע אין וואַלד באַבי-יאַר,
עס גייט צו געליבטער מיט טריט איר אַנטקעגן,
דער יידישער בחור פון קבר פאָנאַר.

ער טראָגט איר זיין האַרץ אין די פינגער פאַרהויבן,
צו שטערן געווענדט ווי אַ בלוטיקער פלאַם:
אזוי כ׳בין געשטאָרבן מיט גבורה און גלויבן
און האָב נישט פאַרשמוציקט מיין הארץ און מיין שטאַם — — —

זיי הויבן די הערצער צום שיין פון די שטערן,
אַ פלאַם נעמט פאַרוויקלען דעם וואַלד באַבי-יאַר,

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די נאַכט שפרייט אויף מיילן איר פינצטערניש שווערע,
אויף קברים פון וואַלד און אויף פעלד פון פאָנאַר.

# דאָס מיידל מיט די בלויע אויגן

(באַלאַדע)

זי שטייט ביי דעם פענצטער מיט אויגן מיט בלויע,
זי שניידט זיך אין טאָג איין אין בלוילעכן רוים,
דער האַרבסטיקער טאָג ליגט געפאַנגען אַ גרויער,
און ס׳ציטערט אַ בלאַט אויפן יונגינקן בוים.

דער שונא אין געטאָ ער לויערט ווי אַ חיה,
זיין שפּיז זוכט דעם קרבן אין פריי און געהיים,
עס יאָמערט דער ווינט ווי אויף אַ ביי־זער לוויה,
און ס׳ציטערט אַ בלאַט אויפן יונגינקן בוים.

זי עפנט דאָס פענצטער די אויגן פאַרשליסט זי,
אָ, בלייב מיט מיר טייערער, כ׳קאָן נישט אַליין,
קוק נישט אויף טרער פון מיין אויג איך פאַרזויש זי,
אָ, ווי ס׳ציטערט אַ בלאַט אויפן יונגינקן בוים!

נאָר דאָ הערט זי פּלוצלונג אַ ווילדן געלעכטער;
אָ, מערדער, מיט אויגן מיט בלויע ווי שיין!
זיין בליק ווי זיין שפּיז אינעם פענצטער פאַרשטעכט ער,
און ס׳ציטערט אַ בלאַט אויפן יונגינקן בוים.

זי קוקט און זי זעט מיט די אויגן די בלויע,
פון אונטן אַ מחנה באַנדיטן דאָ שטיין,
דער עלטסטער דער יונגער ער לאַכט מיט הנאה,
אַ ציטער נישט האַרץ ווי דאָס בלאַט אויפן בוים...

אַ רגע פֿאַרשווינדט זי און ווידער דערשיינט זי,
מיט אויגן מיט בלויע מיט לאָקן אַ קרוין,
אָ, קום צו מיר ליבער, דעם שונא לאַדט איין זי,
און וויגט מיטן קאָפּ ווי דאָס בלאַט אויפֿן בוים.

נאַט אייך מיין לייב אָ איר מערדער פֿון טאַטעס,
נאַט אייך און קוויקט זיך ווי איר ווילט זין אַליין,
נאָר צוזאַמען מיט מיר באַקומט אייך גראַנאַטעס,
אָט דאָס קאָן אַ ציטערדיק בלאַט אויפֿן בוים!

פֿאַרשפּינט אין גראַנאַטעס צום ברוק ז׳איז געפֿאַלן,
אַ פֿלאַם און אַ דונער פֿאַרשטיקט האָט דעם רוים,
עס ליגט אַ צעפֿליקטע די מחנה שאַקאַלן,
און... ס׳ציטערט אַ בלאַט אויפֿן יונגינקן בוים...

# מיטן ניי-געבוירן קינד אויף די הענט.

איך ווייס שוין אַלץ, איך דאַרף שוין גאָרנישט פרעגן,
אויף תורבות פון מיין היים ברומט נאָר דער פרעמדער ווינט,
נאָר ווי אויף פליגל עלנטע, אויף הפקרדיקע וועגן,
איך טראָג אויף מיינע הענט מיין ניי-געבאָרן קינד.

עס האָט מיין לעצטע טרער, אויף קבר פון מיין טאַטן,
אין אַ ביטערגראָז גיפטיק זיך צעגרינט,
נאָר איך גיי איצט אויף וועג, צעשטורעמט פון הארמאַטן,
און טראָג אויף מיינע הענט מיין ניי-געבאָרן קינד.

איך ווייס שוין איצטער ווו איך וועל אים פאַרוויגן,
און כ'ווייס שוין ווו ס'וועט זיין זיין שטילע היים,
און כ'קען אפילו שוין פאַר אים אַ וויג-ליד-נגון,
וואָס זינגען כ'וועל פאַר אים פאַר זיין שלאָפן גיין.

איך וועל צו היים זיינער דורך שטורעמדיקע וועגן,
דורכשניידן דעם וועג ווי סשניידט אים דורך דער ווינט,
עס וועט אַ יונגע זון מיר אַנקומען אַנטקעגן,
און אויף מיינע הענט מיין ניי-געבאָרן קינד...

# מיין לעבן

ה. סמאָליאַרן

איך ווייס אַז מיין לעבן ז׳נישט מער ווי אַ לעבן,
וואָס קומט און פאַרגייט מיט וויי און געוויין,
נאָר גוט איז צו פילן אין האַרצן די שטרעבונג
אַז כ׳היט נישט מיין לעבן פאַר מיר נאָר אַליין.

ס׳איז פרייד אַזוי ווייניק ביי אונז דאָ פאַראַנען,
און טרויער אַזויפיל וואָס דריקט דעם געמיט,
איז גוט מיר מיט ברידער אין טרויער צו שפּאַנען,
אין גאַנג זיי באַגלייטן מיט טרייסט פון מיין ליד.

און ווען אויפן וועג עס קומט אָן אַ געוויטער,
און דראָט צו פאַרטרינקען מיין פאָלק און מיין שטאַם,
בענטש איך די רגע צו ווערן דער היטער,
און פון אייגענעם האַרץ מיינס צו בויען אַ צאַם.

זאָל זיין ס׳איז מיין לעבן נישט מער ווי אַ לעבן,
וואָס פלעמלט זיך קוים, וואָס פאַרלעשט זיך אין ווינט,
מיין פלעמלדיק וואָרט כ׳וועל מיט לעבן פאַרוועבן,
און טרייסטן מיין ברודער איידער כ׳פאַרשווינד...

# די באַלאַדע וועגן יונגן אָדלער

איך וויל זינגען אַ ליד וועגן אָדלערשן פלי,
אין בלויען פאַרטאָג, אין פאַרטאָגיקן פרי.

אַ ליד וועגן גבורה און קראַפט פון געמיט,
פון פלאַמיקן האַרץ וויל איך זינגען אַ ליד.

ס'האָט אַן אָדלער אַן אַלטער, פאַרווּנדעט אין שלאַכט,
אויף געשאָסענעם פליגל אַ קינד זיינס געבראַכט

אויף קאָרן־פאַרוואַקסענעם נאַכטיקן פעלד,
אונטער אַ וואַנט פון אַ פויעריש געצעלט.

דער טויט האָט דעם אָדלער דעם אַלטן געוואָרגט,
די מעכטיקע פליגל זיי זענען פאַרשטאַרט.

נאָר ס'ברענט אינעם האַרץ פונעם אָדלער אַ פלאַם,
ער מוז דאָך דערציילן זיין קינד פון זיין שטאַם.

פון שנייאיקע פעלזן, פון ליכטיקן רוים,
פון גליִ אינעם קאַמף פאַר דער אָדלערשער היים.

עס הויבט אויף דער אָדלער דער אַלטער זיין קאָפ:
„מיין קינד, ביסט אַן אָדלער" — ער זאָגט און שטאַרבט אָפ.

דער אָדלער דער יונגער געהערט האָט זיין וואָרט,
מיט אומרו מיט יונגן באַטראַכט ער דאָס אָרט,

ווי ס'וואַלגערט אין בלוט זיך דער גוף פון זיין טאַטן,
און ס'זעט אים דער רוים אויס פאַרקאָוועט אין קראַטן.

ער האָט נישט געוווּסט נאָך דעם סוד פונעם פליען —
אַהין, ווו די אָדלערשע בענקשאַפטן ציען — — —

ביי טאָג, ווען די וועלט ליגט אין זונליכט פאַרשפּונען,
האָט מען דעם אָדלער דעם יונגן געפונען.

עס האָבן די קינדער אין הויף אים געבראַכט
און האָבן פֿאַר אים באַלד דעם טויער פֿאַרמאַכט.

געלעבט האָט דער אָדלער פֿון נאַכט ביז באַגינען
מיט טשאַטשע פֿון געַנדז און מיט בײַכיקע הינער.

אין בלויען פֿרימאָרגן, ווען טאָג הויבט אָן,
דער אָדלער דערהערט דאַן דעם קרײַ פֿונעם האָן.

נאָכדעם קומען הינער זיך אַלע צונויף,
זיי לאָזן זיך אַלע נאָך שפּײַז איבערן הויף.

אַ גראָב מיטן האָנישן פּיסל אין מיסט:
קומט־זשע איר הינער פֿון שפּײַז דאָ געניסט.

„זאָל זײַן פֿונעם מיסט, אָבער זאָל זײַן גענוג" — —
ענטפֿערט די קוואָקע מיושב און קלוג.

און ס'זוכן די הינער זיך שפּײַז אינעם מיסט,
אַ פּיק מיטן שנאָבל, אַ שאַר מיט די פֿיס.

נאָר אײנזאַם דער אָדלער ער שטייט בײַ דעם פּלויט,
ער קען נישט פֿאַרשטיין וואָס אַ הינדל פֿאַרשטייט,

אַז שפּײַז מוז מען זוכן נאָר דווקא אין מיסט,
אַ פּיק מיטן שנאָבל, אַ שאַר מיט די פֿיס.

ער הויבט אויף זײַן בליק צו דעם הימלישן רוים,
וואָס הענגט ווי באַזוימט מיט אַ וואַלדיקן זוים.

אַ בענקשאַפֿט אַ הייסע פֿאַרגייט אין זײַן ברוסט,
ער האָט זיך דערוווּסט וואָס ער האָט נישט געוווּסט — —

אַז דאָרט אינעם ברייטן, אין הימלישן רוים,
אַז דאָרט איז זײַן ברויט און אַז דאָרט איז זײַן היים.

נאָר יונג זענען פֿליגל און שוואַך פֿאַרן פֿלי,
צום הימל ער גאַרט און די ערד צו זיך ציט... — — —

און ס'לאַכן די קוואָקעס, ווי מ'לאַכט פֿון אַ יאָלד,
פֿון משוגענער הון, וואָס האָט פֿליען געוואָלט...

צו וואָס זשע דאָס פֿליִען, אָ זעט נאָר, אָ זעט,
ווען מ׳האָט אײנעם מיסט אויף דאָס ברויט צו דער זעט.

צום אָדלער צום יונגן דער האָן גייט דאָן צו,
די אייגעלעך שעלמיש ער מאַכט זיך האַלב צו.

דעם פֿליגל דעם רעכטן ער בויגט צו דער ערד:
„אַ קלייד אַזאַ לאַנגע דו ביסט ביי מיר ווערט.

נאָר זיי ווי אַ הינדעלע גלייך מיט אונז אַלע,
זיין ביי מיר וועסטו אַ לייבלעכע כלה.

ווי אַ הינדעלע לאָז זיך אַ פּיק טאָן אין קאָפּ,
אַ פּיק און אַ פּליק און אַ טרייסל זיך אָפּ.

אויב שטאָלץ — איז נאָר איך, איך — דער האָן און זיין שטאַם,
אָט זע ווי צעצונדן און רויט איז מיין קאַם.

נאָר אָדלער דער יונגער אין הימלישן ווייט
פֿאַרהייבט האַלט זיין בליק אַלץ. ער שטייט און ער שווייגט.

ביז איינמאָל אַ טאָג אין פֿאַרטאָגיקן פֿרי
געטאָן האָט דער אָדלער זיין אָדלערישן פֿלי...

די פֿליגל צעשפּרייט און דער קאָפּ זיין פֿאָריס,
די לופֿט אַזוי שניידיק, אין האַרץ אַזוי הייס.

צעשראָקענע הינער אויף אָדלערשן הויב
באַהאַלטן די קעפּ אינעם זאַמדיקן שטויב.

נאָר מעכטיק דער אָדלער זיין אָדלערפֿלי פֿליט,
אַהין, ווו זיין אָדלערשע בענקשאַפֿט אים ציט...

---

כ׳וויל זינגען אַ ליד וועגן אָדלערשן פֿלי,
אין בלויען פֿאַרטאָג, אין פֿאַרטאָגיקן פֿרי.

# הרב הערש זאוואדע

װער זאָגט, אַז אויפֿברויזן קען נאָר אין שטורעמווינט אַ ים,
און שריפֿות פֿלאַקערדיקע צינדן אַ בייז ווונדער?
ווען ס'ברעכט דער אַלטער דעמב זיך פֿון זיין שטאַם,
און ס'ליגט צעוואַלגערט אַפּאַרבלוטיקטער יאָרהונדערט,
קען אויך געשען, אַז אין דער שטילקייט פֿון אַ טויב,
זאָל זיך אַ צאָרן און אַ האַס אַזאַ אַנטפֿלעקן,
וואָס טאָן זאָל ער זיך ווי אין אָדלערפֿלי אַ הויב,
און יאָגן זאָל דעם שונא אויף מיילן און אויף שטרעקעס.
די טויב פֿאַרלוירן האָט איר שטילקייט מיטאַמאָל,
די שוואַכע נעגל אָנגעשפּאָרנט צו בלוטיקע געשלעגן.
עס האָט דער דונער אָפּגעקלונגען אין איר קול,
און ס'גלאַנצט אין זון איר פֿליגל ווי אַ שטאָל,
צעפֿאָכערטער אויף קרייצנדיקע וועגן.
קען זיין, עס האָט אין יענעם טאָג פֿון הויך
געקוילערט זיך אויף בערג אַ מאָנענדיקער בת־קול
און ער האָט אָפּגעענטפֿערט אים דורך זיילן רויך:
„אַזוי דיין ווילן איז און איך בין מסכים".
פֿאַרנומען האָט די בלוטנדיקע ערד זיין רוף,
אויף אויסגעשטרעקטער האַנט געוואָרט האָט זי אַוודאי
און בענטשנדיק אויף לעבן און אויף טויט זיין גוף,
געגאַנגען איז אין שלאַכט אַריין הרב זאַוואַדע...

צוויי יאָר האָט דער שטורעם אים געצייטיקט זיין פֿאַרלאַנג,
צוויי יאָר די אומגליקן פֿון פֿאָלק האָבן געבראָכט אים,
אַז אויסוואַקסן זאָל ער פֿון ווילן ביז צו דראַנג,
דאָס בלוט פֿון זיין קהלה זאָל אין אים אַ מאָן טאָן.
און דעמאָלט איז ער אויפֿגעריטן אויפֿן לפּיד־אש
פֿון דעם נקמה־פֿלאַם אַנטקעגן ים פֿון צרות,
עס האָט דער ווינט אים פֿון אָקאָפּ אַ טראָג געטון פֿאָרויס
און האָט אין רעש פֿאַרמישט די בלעטער פֿון גמראות,
וואָס האָבן בלאַט נאָך בלאַט אין מח זיך ביי אים געמישט,
ווי צו מבלבל זיין פֿון אמתער כּוונה,

מילינקע״ האַנט האָט ער געטון די אויגן זיך אַוויש,
אַז מיט שווערד אין רעכטער האַנט אַ זאָג געטון: כ׳וועל קאָנען!
און אויב נקמה — זאָל זי זיין מיט גאַנצער קראַפט!
אין אויב אַ שלאַכט — טאָ זאָל זי זיין שוין ווי עס פּירט זיך,
אַ גאָט! אַטראָפּן שענק אַצינד מיר פון דיין מאַכט,
צינד אָן מיין צאָרן אין דער דראָענדיקער נאַכט
און זיי מיר מוחל וואָס כ׳פאַרגעס אָן דיין לא תרצח...

אַז ווייל צו דעם ווען׳ן ס׳איז באַשערט צו אויסשטרעקן זיין האַנט
און אויפנעמען דעם קלאַפּ אין שוך פון זיינע ברידער.
דעם לעצטן אָטעם אויסהויכן פאַר לעבן פון זיין שטאַם,
אין לעצטער תפילה זאָל נישט ציטערן זיין קול אים,
און שטיין ער זאָל פאַר דער סכנה ווי אַ צאַם,
מיט אייגן בלוט פאַרלעשן דראָענדיקן פלאַם,
און פליסטערן אין גלויבן: שמע־ישראל...
נאָר אים איז נישט באַשערט געווען דאָס גרויסע גליק,
צו זיין דער קרבן פאַר זיין עדה יידן,
עס האָט דער טויט שוין לאַנג דעם צער פאַרוויגט,
די רו די אייביקע פון סאַנדאָמיעזשער קהלה.
און אים, דעם פאַסטעך פונם אויסגעקוילעט שאָף,
פאַרטריבן, ווי פון וואַלד אַ חיה רעה,
אַ גאָט, האָסט נישט פאַרגונען מיר דאָס גרויסע גליק,
צו אָפּגעבן מיין נפש פאַר מיין עדה
און האָסט געלאָזט ביז היינט מיר אָפן נאָך מיין בליק,
צו זען די מאַסן־קברים און די שטריק,
די עדות פון דער גרויזאַמער אבידה.
אין אפשר האָסט מיין האַרץ מיט דיין מידת־הדין,
אין שעה פון פיין געשטעלט פאַר דיין נסיון,
אַז איבער פיין פאַרוועבט, ווי אין די שפּינוועבסן אַ שפּין,
צי וועל איך היילקן דיין נאָמען קאָנען?
איז אויב אַזוי, טאָ זאָל די שווערד זיך הויבן אין מיין פויסט,
איר קלונג זאָל שאַרפער זיין פון שאַרפסטן חלף.
און דו וואָס האָסט געזען ווי אונזער לעבן איז צעבראָכן,
ווי ס׳האָבן בליקן אימת־מותדיק צו דיר געגלייזט —
העלף מיר צום פאַרבייטן דעם ספרא פאַר אַ סייף...

פאַראַן אַ וועג, וואָס ציט זיך גלייך מיט זוניק-העלע ראַנדן
און קלאָר פון ברעג ביז ברעג זיין אָנהייב און זיין סוף איז;
עס ווערט דער שווערער טראָט אויף אים אין העל געזאַנג פאַר-
וואַנדלט,
און ס׳רוט אין זיכערקייט געמיט באַשירעמט פון אַ ספק.
נאָר ער דורך אומוועגן, מיט דערנער פול באַוואַקסן,
געלאָזט זיך אין אַ וועג פון דורכבראָכן און פרווון,
דער חוב האָט ווי אַ מאָנונג זיך געלייגט אים אויפן אַקסל,
דער פיין פון זיינע ברידער נישט געלאָזט האָט גאָר צורו אים.
ס׳האָט אייניציק און צו אים אַליין גערעדט דער שטורעם —
אַליין אַן עמוד-ענדיקע אָנגעפּוישטע כמאַרע,
ביז ער האָט זיך דערזען ווי פון אַלמעכטיקייט דער פורעם,
וואָס קראַכט אויף ווי אַ דונער אויף די פעלד-ביימער פאַרדאַרטע.
צי דאַרף נאָך דען דעם צאָרן אויך באַזיניקן אַ ראיה,
און צי נויטיקט זיך דער האַס דען אין לאָגישן פאַרענטפער?
אז אין פאַרברענטע ספרים רויכערט זיך דער שם-הויה
און ס׳גייט אום ווי אין וואַלד אַ בייזע חיה,
דער שונא איבער געגנטן געשענדטע.
עס האָבן טעג ווי מיט אַ שפּיצעכדיקן בויער,
געעקבערט אין זיין מח אים, וואָס איז צעפלאַמט געוואָרן;
עס האָבן אויפגעבליצט אין פייער שטיקער זוהר
און ס׳האָבן אויפגעמישט זיך בלעטער פון גמרא:
תא חזי... ווי ס׳ליגט אַ וועלט אין ווייען און אין פּיינען,
און אין ווייטיק קנוילט צונויף זיך ארעה לרקיע,
תא חזי אויף גרויסן בראָך פון אייגן ברודער דיינעם.
תא חזי ווי ס׳טרינקט דיין עדה זיך אין בלוט אין אירן.
אָ שומר, זאָג ווען ענדיקט זיך די נאַכט שוין?
פון אומגעדולד עס ברענט מיין האַרץ ס׳זאָל אָנהייבן צו טאָגן,
כ׳וויל אויג אויף אויג זיך טרעפן מיט פאַברעכערישער מאַכט שוין
און אַ געשלאָגענער זי אָנהייבן צו שלאָגן.

באַגלייט מיט צאָרן און מיט פייערדיקער קאַנאָנאַדע,
געגאַנגען איז אין שלאַכט אַריין הרב זאַוואַדע...

# אויף אלטער פּוילישער ערד

ס'האָבן דענקמעלער, ווי שרעקבילדער, פאַרפּינצטערט דײַנע פּלעצער,
דער שוואַרצער אָדלער בויגט זיך איבער קעפּ פון די רעגירער...
איצט וואַלגערט זיך דער אָדלער-קאָפּ מיט אויגן אויסגעזעצטע,
און נעבן אים צעבראָכענע, די קעפּ פון דײַנע פירער.

אויף שוואַרצן פּיעדעסטאַל, ווי אויף פליגל פון דער טומאה,
איז דער גוף פון אַלטן ביסמאַרק אַ באַזויפענער געשטאַנען.
איצט איז שוין פאַראווירט דער דופט פון זײַנע רומען,
אַ לעצטער פויגל פון זײַן נעסט מוז אויך אַוועק פונדאַנען.

ברעסלאַו, דײַנע אויגן זעטיק אָן מיט בילדער
לעצטע, וואָס פאַרשווינדן און וועלן מער נישט דאָ זײַן,
ווײַל אַוועק זענען טעג פון פינצטערניש פון ווילדער,
אויפגיין אויף דײַן קאָפּ וועט אַ זון-שטראַל, אַזאַ ראָזער.

פאַרגיסן דײַנע גאַסן וועלן ליכט-סנאָפּעס אַ שפּע
און באַפעלן וועט צום אויפבליִ דעם קלענסטן פון די שפּראָצלעך,
דאָס לעבן, ווי אַ בלום, וועט אונטער זון זיך טאָן אַן עפן,
און אויף חרובדיקן ברעסלאַו וועט אויפבליִען אַ ווראָצלאַוו.

פאַרשווינדן וועט איינגיבן דײַן אויסזען אַזוי העסלעך,
פון חרובדיקע גאַסן און ציגל-ברוך פאַראָסטן,
זײַן וועט לעצטע חורבה אַ זכר וועגן ברעסלאַו.
און אויפשטיין אויף דײַן אָרט עס וועט אַן אויפגעבויטע ווראָצלאַוו.

# דאס ליכט זאל נישט ווערן פארלאשן!

קאָן זיין, אַז די ערד, וווּ איך טרעט דאָ אַצינדער,
דורך גאַסן מיט נעפל און חורבות פאַרשפּונען
און ווו אין די גאַסן כ׳גיי אום ווי אַ בלינדער,
און קאָן נישט קיין טרייסט צו מיין ווייטיק געפינען, —
קאָן זיין אויף די ציגל - באַשאָטענע וועגן,
ווען ס׳איז נאָך געווען דאָ אַן אַספאַלט אַ גלאַטער,
געגאַנגען מיט טויט-שרעק, מיט לעבן געזעגנט,
צו אייביקער רו איז געגאַנגען מיין טאַטע...
און דעמאָלט ווי איצט, האָט דער נעפל געגנעפלט,
און דעמאָלט, ווי איצט, האָט גערעגנט דער רעגן,
און ער איז געגאַנגען צעשויבערט, צעקנעפלט,
געוואָרפן זיין קללה אויף דייטשישע וועגן...

קאָן זיין, אַז די וועגן פון האַרבסטיקן שלעזיען,
זיי האָבן געפירט צו דעם שייטער מיין מאַמען,
און דאָ איז דער וועג אירער לעצטער געוועזן,
איידער עס האָבן פאַרקנוילט איר די פלאַמען.
און דעמאָלט, ווי איצט, האָט דער טאָג זיך געטונקען
אין שלעזישן נעפל אין פייכטן און טריבן,
און דעמאָלט, ווי איצט, איז דער הימל געזונקען
מיט כמאַרעס פון בליי אויף פאַרשאָטענע גריבער...

קאָן זיין, אַז דערפאַר איז מיין טראָט אַ פאַרשמידטער
געבליבן צום אָרט אויף דער שלעזישער ערד דאָ,
כאָטש ס׳שמייסן מיין לייב, ווי מיט אייזערנע ריטער,
די צווייגן אויףביימער וואָס וואַקסן ווי דערנער,
ווייל אין נעכט, ווען דער טרויער פאַרשמידט מיך אין קייטן,
מיך וואָרנט מיין מאַמע מיט רייד און געוויינען,

**אַז ס'איז אַ פֿאַרברעכן צו שטאַרבן פֿון ווייטן,**
**ווען דאָ איז נאָך לעבן געבליבן דיין שונא...**

דעריבער ווערט שלעזישער נעפּל מיר ליכטיק
פֿון פֿלאַמען, וואָס האָט אים מיין האַרצן געצונדן
דער פּיין פֿון מיין מאַמען, וואָס וואָרנט אַז ריכטיק
איז נאָר מיט נקמה צו היילן די וווּנדן.
אַז יעטוועדער טראָט, וואָס איך שטעל מיט בטחון,
און יעטוועדער אָרעם, וואָס בויגט זיך צום בויען —
וועט זיין ווי אַ שפּיז אין דעם שונא פֿאַרשטאָכן,
וואָס קאָרטשעט צונויף אים אין אַנגסטיקן וואָיען.

און דעמאָלט, ווען טונקל דער טאָג ווערט אין שלעזיען
און איך גיי אין גאַסן אַרום ווי אַ בלינדער,
טויכט אויף פֿאַר מיר דאָן ווי אַ ליכטיקער הצלון,
אַזוי ווי אין פֿיינען אַ געטלעכער ווונדער,
דאָס פּנים מיין מאַמעס, די האָר אירע גרויע,
די אויגן, וואָס בעטן און מאָנען צוזאַמען,
איך זאָל גישט פֿאַרגעסן איר לעצטע צוואה,
איידער עס האָבן פֿאַרקנוילט איר די פֿלאַמען:

אַז דאָרט, ווו געטראָפֿן דער טויט האָט דיין מאַמען,
זאָל הויבן דיין האַנט זיך מיט גבורה און גלויבן,
זאָלסט ווערן אַ בוים טיף פֿאַרוואָרצלט אין שטאַם דיין,
און זאָל זיך דיין האַמער אויף בויונג פֿאַרהויבן.
זאָלסט זיין ווי אַ שומר, וואָס וואַרט אויפֿן טאָג-שיין,
און היטן דאָס ליכט, ס'זאָל נישט ווערן פֿאַרלאָשן;
און איפּגיין עס זאָל, ווי אַ זוניקער אויפֿשיין,
די פֿרוכט פֿון דיין מי און דיין יידישער לשון...

# פונקען אין אש.

דיכטער פון מיין דור, צעזייט אויף שבעה ימים,
מיט קעפ מיט אַש באַשאָטענע, אין שבעה־ צער פאַרוויייט,
פאַרנעמט דעם פלאַמען־רוף פון גוססדיקער מאַמען,
וואָס האָט אין טויט־ געקלעם צום לעבן אונז געגרייט.

נישטאָ קיין גרענעצן פאַר ווייטעקלעכן טרויער,
מיט בלוט פון אויגן אונזערע עס רינט אַרויס דער קלאָג,
זייט איר נביאים איצט וואָס שטייען אויפן מויער,
און גרייטן צו דאָס פאָלק צום קומענדיקן טאָג..

זייט איר פאַר געטלעך וואָרט דער אויסגעגליטער פורעם,
און זייט פאַר אונזער פאָלק די טרייסטנדיקע צונג,
עס האָט אין בערגער אַש פאַרוואַנדלט אונז דער שטורעם,
נאָר ס'טליעט נאָך אין אַש אַ פינקלדיקער פונק!

היט אָפּ דעם הייסן פונק און טוליעט אים צום האַרצן,
באַשירעמט אים פון טויט אין ווינטיקן זאַוויי,
שטייגט הויך מיט אים אַרויף, אַריבער הימל שוואַרצן,
און זייט פאַר אים צעפלאַקערער, ווי פראָמעטיי!...

צעבלאָזט דעם פונק אַלץ שטאַרקער פאַרוואַנדלט אין אַ פלאַם אים
און אָנצינדן זאָל פלאַם פאַר אונז אַ ליכטיקן קאַיאָר,
אָ נעמט דעם הייסן פונק און אייניקט מיט זיין שטאַם אים—
דעם קיום פון מיין פאָלק, אָ דיכטער פון מיין דור!

עס קען דער דיכטער גוט דעם צער פון פאָלק פון זיינעם,
דעם טרויער וואָס פאַרשמידט אים, דעם בראָך זיינעם ער ווייסט,
נאָר אַ נביא שטייגט אַריבער אַלע זיינע פּיינען,
און ברענגט דעם פאָלק זיינעם צו גרויסן צער אַ טרייסט.

דיכטער פון מיין דור, איבער עקן וועלט צעשפּרייטע,
עס בענטשט אייך אונזער פאָלק וואָס אַלט איז און איז יונג,
ווען אויפקלייבן איר וועט פון פעלדער אַש צעזייטע,
און צעבלאָזן אין אַ פלאַם דעם גליענדיקן פונק! ...

1947

## אינהאלט


כ׳וועל קומען אַ היים . . . . . . זייט 3
מיין צוריקקער . . . . . . „ 4
עס ברענען די שנייאיקע בערג . . . . „ 5
אַליין . . . . . . . „ 6
עלנט . . . . . . . „ 7
פאַראַן אַ שעה . . . . . . „ 8
צו פוילן . . . . . . . „ 9
די געפאַלענע אין קעלץ . . . . . „ 11
און ווידער דער הימל איז בלאָ . . . . „ 12
אויסגעשטרעקטע הענט . . . . . „ 13
אַ קאַמפּס־ליד וועגן דער רויטער פאָן . . . „ 14
טאַדזשיקיסטאַן . . . . . . „ 15
קאַזאַכישער סטעפּ . . . . . „ 16
דאָס מיידל פון סאַמאַרקאַנד . . . . „ 17
אָ ווייסינקע בעריאָזקע . . . . . „ 18
מאַקסים גאָרקי — אָנהויב לעבן . . . „ 19
קעלער־שטובן . . . . „ 20
די זון גייט אויף . . . . „ 21
און אפשר איז נאָך נישט פאַרלוירן . . . „ 22
וועגן דיר . . . . . . . „ 23
טויזנט וועגן . . . . . . „ 24
סאָנעט . . . . . . . „ 25
זי וועט היינט נישט קומען . . . . „ 26
אַ קינד האָט אַ טאַטן . . . . . „ 27
נאָקטורן . . . . . . . „ 28
כ׳בין ווייט פון דיר . . . . . „ 29
באַלאַדע וועגן צוויי הערצער . . . . „ 31
דאָס מיידל מיט די בלויע אויגן . . . . „ 33
מיטן ניי־געבוירן קינד אויף די הענט . . . „ 35
מיין לעבן . . . . . . „ 36
באַלאַדע וועגן יונגן אָדלער . . . . „ 37
הרב הערש זאַוואַדע . . . . . „ 40
אויף אַלטער פוילישער ערד... . . . „ 43
דאָס ליכט זאָל נישט ווערן פאַרלאָשן . . . „ 44
פונקען אין אש . . . . . . „ 46